*ב"ה*

# דבר תורה

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרשת חיי שרה

---

די היינטיקע סדרה הויבט אן צו ריידן וועגן דעם אנהויב פון דער גאולה. אין דער פריערדיקער סדרה רעדט זיך וועגן גלות: "והכנעני אז בארץ", און לויט ווי די רז"ל זאגן "שהי' הולך וכובש כו', ער (דער כנעני) איז געגאנגען איינגעמען די לאנד (פון שם). אבער אין הייינטיקער סדרה רעדט זיך שוין וועגן דער גאולה, אז אברהם אבינו האט אפגעקויפט א פעלד אין ארץ ישראל ביי עפרון און דאס איז געווען פאר די אויגן פון די בני חת, וואס אלע האבן מודה געווען אז דאס געהערט צו אברהם - אן אנהויב פון דער כללות'דיקער גאולה פאר אלע אידן.

כאטש אז ער האט דערפאר אפגעצאלט ארבע מאות שקל כסף, שטייט אבער וועגן דעם, אין דעם ספר פענח רזא - א ספר פון א ראשון - אז דורך די פיר הונדערט שקל כסף וואס אברהם אבינו האט אפגעצאלט, האט יעדער איד באקומען א חלק אין ארץ ישראל, ווי ער מאכט דארט דעם חשבון - אז פאר פיר הונדערט שקל האבן ששים ריבוא (600,000) אידן באקומען אין ארץ ישראל יעדער איינער אן אמה על אמה.

די גאולה האט זיך נאך אנגעהויבן דעמאלט, מען דארף בלויז אראפנעמען די העלמות והסתרים, און אראפברענגען די גאולה למטה בגילוי דורך משיח צדקנו במהרה בימינו ממש.
(משיחת ש"פ חיי שרה, תשי"ז)

*

*על ידי חיזוק ההתקשרות בלימוד תורתו וקיום הוראותיו*
*נזכה תיכף "זעהן זיך מיט'ן רבי'ן" בעיני בשר*
*והרבי יוליכנו אל הגאולה*

יוצא-לאור ע"י:
כיתה ג (ד) של
*מוסד חינוך "אהלי תורה - אהלי מנחם"*
667 איסטערן פארקוויי
כאן צוה ה' את הברכה
ברוקלין, ניו יארק
E-Mail: Editor of Dvar Torah
עורך: הרב דוד שי' הערצל

## יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

Back to "Dvar Torah"